בס"ד

שנה ד'
נומער 180
פרשת פנחס
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלאט

**פאר די ברסלב'ע שטוב:**
די גרויסע חתונה

**מיט א טיפערן בליק**
צוועלף חדשים

**געדאנקען**
ביי אונז פירט מען זיך צו
כאפן מכות פון די גוים



## שיעור התחזקות
ליל ששי חקת - בלק אין

## היכל ראזענבערג
קרית ברסלב ליבערטי

# קריית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.**


צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**





**היכל הקודש נייעס**
גרויסע נס פון א מפיץ אין ארץ ישראל
**4**



**היכל הקודש נייעס**
א פרישע טרער צום פטירה פון הבחור שמעון ברייער ע"ה
**5**



**געדאנקען**
ביי אונז פירט מען זיך צו כאפן מכות פון די גוים
**6**



**מיט א טיפערן בליק**
צוועלף חדשים
**16**



**די אידישע שטוב**
די גרויסע חתונה
**21**



**בילדער אפטיילונג**
בילדער פון מחנה היכל הקודש קעמפ און קאנטרי
**30**


## זמנים Liberty

פנחס י"ט תמוז תשפ"ג

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 08:17 |
| מוצאי שבת | 09:47 |

**מנחה מעריב מטו"מ ... 09:30**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 07 | 82°/62° | | Scattered Thunderstorms |
| Sat 08 | 77°/60° | | Scattered Thunderstorms |
| Sun 09 | 77°/60° | | Scattered Thunderstorms |
| Mon 10 | 75°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Tue 11 | 74°/59° | | Scattered Thunderstorms |
| Wed 12 | 73°/56° | | Scattered Thunderstorms |
| Thu 13 | 76°/57° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 14 | 77°/58° | | PM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף מערמעלשטיין הי"ו**
**וזוגתו ריקל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה נתנאל פאקאש הי"ו**
**וזוגתו זיסל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל בגשמיות וברוחניות

# בריוו צו די רעדאקציע

**א בריוו פונעם ראש ישיבה דירעקט צו מיר**

א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע בלעטל וואס קומט ארויס יעדע וואך, ס'ווערט נאר שענער און שענער פון וואך צו וואך, ממש נישט צום באגרייפן.

אלע אפטיילונגען זענען הערליך שיין, אבער פון איין קאלום האב איך ספעציעל הנאה, דאס איז 'א בריוו פון דער ראש ישיבה' ווי מען ציטירט יעדע וואך א בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן, דייקא נישט א לעצטיגע בריוו נאר א בריוו פון די פריעדיגע יארן וואס רעדט זיך פון ענינים וואס זענען יעצט נוגע, דברים העומדים על הפרק, צו עפעס אויף די פרשה אדער יומא דפגרא, וכו', איך בין מיך מחי' דערמיט יעדע וואך עקסטער.

אפאר וואכן צוריק האט מען אריינגעלייגט דארטן זייער א אינטערעסאנטע בריוו, אינטערעסאנט פארוואס מ'האט אריינגעלייגט פונקט די בריוו, ס'רעדט זיך גארנישט פון די וואכעדיגע סדרה צו וואס, אבער איך האב געזען דערין א געוואלדיגע השגחה פרטיות אין דעם, ווייל איך האב געוויילט אויף שבת מיט פארשידענע משפחה מיטגלידער, און א גרויסער עולם האבן זיך אנגעטרינקען מיט וויין און ברוינפן, ס'איז געווארן זייער צולאזט און הפקר'דיג. איך אלס תלמוד היכל הקודש האב ברוך השם נישט צוגערירט צו דעם, אבער למעשה בין איך געווען אביסל פון די אויסגעשפילטע פון די משפחה.

שפעטער ווען איך האב געזען די בריוו האב איך זייער הנאה געהאט צו זען ווי דער ראש ישיבה שרייבט די הארבקייט פון זיך אנטרינקען, די בריוו איז אריינגעקומען אין די ריכטיגע פלאץ, אין די ריכטיגע צייט!...

א גרויסן שכח!

א. צ. - וויליאמסבורג



היכל הקודש

# נייעס

צפת

## גרויסע נס פון א מפיץ אין ארץ ישראל



אנשי שלומינו דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם גרויסן נס וואס האט פאסירט מיט איינע פון די גרויסע מפיצים אין ארץ ישראל, מו"ה אלחנן זויבערמאן הי"ו פון צפת.

די מעשה האט פאסירט פאריגע וואך מוצאי שבת קודש, ר' אלחנן מיט זיין ווייב לאזן זיך ארויס צום באס סטאנציע וואס וועט זיי בעזרת השם טראגן פון ירושלים קיין צפת, אנקומענדיג צום סטאנציע האבן זיי געזען אז אנדערש ווי יעדע וואך ווען עס פארן ארויס נאר צוויי באסעס קיין צפת, האבן די וואך געווארט דארט דריי באסעס, וואס אויף די דריטע באס האבן זיך ר' אלחנן מיט זיין ווייב באקוועם געמאכט. אזוי ווי עס איז געווען א באס מער ווי געווענליך איז דער דריטער באס ארויסגעפארן ממש ליידיג, ווען אויפן באס געפונט זיך נאר דער אויבערשטער, דער מפיץ ר' אלחנן און זיין ווייב.

זיי האבן זיך געזעצט מער אין פארענט, ווען תיכף אנפאנג פונעם וועג האבן זיי ערליך מתפלל געווען צום אויבערשטן "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, שֶׁתּוֹלִיכֵנוּ לְשָׁלוֹם וְתַצְעִידֵנוּ לְשָׁלוֹם אזוי ביזן סוף בָּרוּךְ אַתָּה ה' שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה" און דערנאך צוגעלייגט און ווייטער געבעטן דעם אויבערשטן אויף אידיש אז די וועג זאל דורכגיין בשלום אן קיין שום מכשול.

אינמיטן פארן האט דער באשעפער ארויפגעלייגט א מידעקייט אויף זיי, און זיי האבן באשלאסן אז מען גייט זיך רוקן צום אונטערשטען חלק פונעם באס ווי עס איז מער באקוועם צו שלאפן.

דער סדר פון די רוט קיין צפת איז אז נאך איינס און א האלב שעה פארן, גייט דער באס אריין אין א גאז סטאנציע כדי מען זאל קענען ארויס קומען פאר א צען מינוטיגע ברעיק, ווי עס איז דא צוגעשטעלט פארשידענע סערוויסעס, מיט א געשעפט ווי מען קען קויפן עפעס צו עסן און טרונקען, אדער סתם זיך אויסציען דיביינער.

ר' אלחנן האט אבער באמערקט אז דאס מאל ווען דער באס האט זיך איינגעדרייט צום גאז סטאנציע איז ער עפעס געפארן צו שנעל, ער האט שנעל געכאפט אז עס איז צרות ווייל ווי עס שיינט האט דער באס פארלוירן קאנטראל אויף זיינע ברעיקס.

דער סטאנציע איז געווען אנגעפילט מיט מענטשן, און דער דרייווער באמערקענדיג זיין צרה האט פרובירט מיט אלע כחות נישט צו שעדיגן קיינעם. ער האט זיך ווילד געדרייט רעכטס און לינקס אויסצומיידן די מענטשן וואס האבן זיך גענומען אנטלויפן פונעם ווילד פארענדען באס. ביז דער באס האט ענדלעך געגעבן א זעץ אריין אין עפעס, וואס האט ברוך השם אפגעשטעלט דעם באס. ווי עס האט זיך ארויסגעשטעלט האט דער באס אריינגעזעצט אין א טרעילאר און דער קלאפ איז געווען מיט אזא קראפט אז דער גאנצער קאנטעינאר איז אראפ געשטופט געווארן פונעם טרעילאר.

ר' אלחנן איז טאקע געווארן גוט אויפגעשאקעלט פונעם עקסידענט, אבער ער האט שטארק געדאנקט דעם אויבערשטן אז ער, זיין ווייב, די פיסגייער פונעם סטאנציע, און אפילו דער דרייווער זענען ארויס פון דעם אינצידענט אן קיין קריץ. בפרט נאכדעם וואס ער האט געכאפט א בליק אויף די פלאץ ווי ער איז קודם פריער געזיצן האט ער געזען אז דארט האט די באס געכאפט די שטערקסטע אימפאקט, און דער גאנצער זיץ איז געווען גענצליך ארויסגעריסן פון פלאץ.

אזוי האט דער אויבערשטער געראטעוועט דעם מפיץ פון דעם שווערן עקסידענט, אין זכות פון הפצה, און אין זכות פון תפלה.

**שתוליכנו לשלום**

לאנדאן

## א פרישע טרער צום פטירה פון הבחור החשוב שמעון ברייער עליו השלום



מיט א טיפע שאק און טרויער נעמען אנשי שלומינו אויף די בשורה אז איינע פון תלמידי היכל הקודש לאנדאן הבחור החשוב שמעון ברייער עליו השלום האט אויסגעהויכט זיין נשמה פריצייטיג אינעם אינגן עלטער פון פינף און צוואנציג יאר.

די טראגעדיע איז פארגעקומען זונטאג חקת-בלק ווען די נפטר איז געווען אויף א פליגער קומענדיג פון לאנדאן ווי דער נפטר האט געוואוינט אויפן וועג קיין ניו יארק ווי ער האט געזאלט װאלונטירן אין א זומער קעמפ פאר קינדער מיט ספעציעלע געברויכן. ווי די פליגער מאנשאפט געבן איבער, האט ער בערך צוויי שעה פארן לאנדן אנגעהויבן האבן שוועריקייטן מיטן אטעמען רחמנא לצלן ליידנדיג פון א גאר שווערע אזמא אטאקע לא עלינו, און אלע פראוון אים צו ראטעווען במשך די נעקסטע צוויי שעה און אפילו נאכן לאנדן זענען ליידער דורכגעפאלן, און געבליבן איז בלויז ליידער צו באשטעטיגן זיין פריצייטיגע פטירה.

דער חשובער נפטר ע"ה האט זוכה געווען צו ענדיגן צענדליגע מאל מסכת תענית, נאך מיט צוויי יאר צוריק האט ער שוין געזאגט פאר איינע פון אנשי שלומינו אז ער האט שוין געענדיגט מער פון פערציג מאל די מסכת.

אזוי אויך האט ער געענדיגט אן א שיעור מאל ששה סדרי משנה, שמעון פלעגט זיך אלץ דרייען מיט א משניות אין די הענט, אויסער די פילע אנדערע שיעורים וואס ער פלעגט לערנען שיעורים כסדרן.

שמעון איז געווען א געוואלדיגע חידוש אין התחזקות, אייביג האט מען אים געזען מיט א פרייליך פנים. ווי געזאגט איז ער יעצט געווען אויפן פליגער קיין אמעריקע ווי ער האט געפלאנט צו ווילן אין די קעטסקילס, און ער האט שוין קוים געקענט אויסווארטן זיך צו קענען אריינכאפן אין שטעטל צו קענען גיין הערן שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א פון וועמען ער האט געשעפט זיין גאנצע חיות די לעצטע זעקס יאר. אבער דער אייבערשטער האט אנדערש געוואלט, ווען אינמיטן וועג האט ער ליידער אויסגעהויכט זיין לויטערע נשמה.

יעצט דארפן מיר זיך מחזק זיין מיט דער ראש ישיבה'ס לימודים וואס דער ראש ישיבה זאגט אייביג "לאכן לאכט וועט ס'לאכט לעצטע!" שמעון ע"ה קערט צוריק זיין נשמה צום אייבערשטן, ווען ער האט אנגעפילט זיינע טעג מיט תורה מצוות און מעשים טובים.

אונזער חבר שמעון בן ישכר שלמה איז אוועק אינגערהייט, ער האט נישט איבערגעלאזט קיין דורות, אז מיר וועלן אים נאכמאכן, דאוונען מיט מנין, לערנען שיעורים כסדרן, זיין פרייליך טראץ אלעס וואס גייט אונז אריבער, אנגיין ווייטער און נישט קוקן אויף אלע שוועריקייטן וועט עס זיכער זיין א טובה פאר זיין נשמה.

זאל דער אייבערשטער העלפן ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע און מיר זאלן הערן נאר גוטע בשורות און מיר זאלן זיך קענען מחזק זיין און זיך גוט אנגרייטן פאר די לעצטע טאג.

## עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון

אומאן

## לעצטיגע הכנות צו ראש השנה תשפ"ד



מוהרא"ש זי"ע
ביים ציון הקדוש
אין אומאן
תש"ל

ווי געמאלדן א צייט צוריק ווערט געמאכט אלע הכנות צו צוגרייטן די בנין אין אומאן פארן קומענדיגן ראש השנה הבא עלינו לטובה.

אזוי ווי די צייט רוקט זיך נענטער צו יום טוב ווערט געמאלדן דורך די וועד הבנין אז אלע וואס האבן נאכנישט באצאלט זייער בעט זאלן זען צו זיין באצאלט ביז קומענדיגן ראש חודש אב, כדי צו פארמיידן אומאנגענעמקייט פון זיך טרעפן די לעצטע מינוט אן א בעט און עסן לכבוד יום טוב. מען קען זיך מעלדן צו האברך מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו 347-452-1936



# בײ אונז פירט מען זיך צו כאפן מכות פון די גוים

משה ארי' שניטצלער

איך ווייס נישט פון קיין מעלוינע׳ס, איך בין מוחל די מעלוינע.......

איך בין נישט קיין גרויסער מעלוינע עסער............

א גרויסער בין איך יא (נישט איך זאג עס, די סקעיל זאגט עס) אבער א גרויסער מעלוינע עסער בין איך נישט.

פארוואס עסן מעלוינע אז מ׳קען עסן גרינצייג?!.... (פאטעיטע טשיפס איז דאך גרינצייג, ניין? פאטעיטעס וואקסט דאך אין די זעלבע סטעיט איידאהאו וואו מ׳פלאנצט אויך טאמעיטע׳ס, מוז דאך זיין אז ס׳איז די זעלבע געזונט ווי טאמעיטע׳ס. דאס וואס ס׳איז געפרעגלט אין אלטע זעקס וואכעדיגע אויסגענוצטע אויל, דאס נעמט נישט אוועק די פאקט אז ס׳וואקסט בשכינות פון טאמעיטע׳ס).

אזויפיל ווייס איך יא, אז אונזער טייערע חבר מו״ה ארי פיש הי״ו גרייט זיך צו מאכן א גרויסע קאמפיין און שאפן געלט פאר מוסדות היכל הקודש ברסלב, אשרי לו אז ער האט די זכי׳ צו העלפן.

אבער פארוואס מעלוינע?

אפשר ווייל ס׳איז רינדעכיג?

וואס איז שלעכט מיט מיין באליבטע בא׳באלי׳טע באלי טשאקלעד?!

אפשר ווייל די מעלוינע איז אביסל לענגלעכיג?

וואס איז שלעכט מיט אייער?!

יעדער וואס ברענגט צוואנציג טויזנט דאלער ביי די קאמפיין וועט באקומען דריי הונדערט אכציג ראנטאטא׳ס (אייער שפייז) פאר א גאנץ קיילעכיג יאר ביז די נעקסט יאריגע קאמפיין.

(די איבעריגע פופצן אייער שפייז׳ן וועט מען עסן ביי די קארן-טשיפ-וועטשערע וואס קומט פאר א שעה נאך די צווייטע נאכטמאל, כמו שנוהגים בקצת מקומות)

בלייב מיר ביי דעם אז ס׳וועט זיין בעזר השם אדער א מעלוינע קאמפיין אדער אייער שפייז מיט קארן טשיפס.

ברוך השם, איך בין פולקאם גרייט צום קארן-טשיפ-קאמפיין (אז מ׳רעדט נאר, אפילו ברמז, פון קארן טשיפס, וועל איך נישט שטיין פון די זייט)

איך גיי בעזר השם אנרופן טויזנט מענטשן פאר די קאמפיין, אפשר נישט פונקט טויזנט, אבער איך גיי רופן יעדן! יעדן איינציגן, איינעם וואס מיין עלטער באבע און זיין עלטער עלטער מומע האבן געהאנגען וועש אונטער איין זון!

אבער וואס איז מיט אביוז׳ן קאנטאקטס?!

אביוזן וואס?! אביוזן ווער?! אביוזן וואו?!

און וואס האט מוהרא״ש געטון פאר מיר?! נישט אביוזד זיינע קאנטאקטס?!

האט נישט מו״ה נתן יאקאבאוויטש הי״ו געגעבן פאר דער ראש ישיבה

א ספר אשר בנחל חלק כ"ז אין יענע גורל'דיגע טאג אין א שול אויף זעכצנטע עוועניו?!

דאס הייסט נישט אביוזד זיינע קאנטאקטס?!

אביוזן וואס?!

אויף ווען גיי איך סעיוון מיינע מעכטיגע קאנטאקטס, אויב נישט צו העלפן די מוסד וואו איך שיק מיינע קינדער?!

אבער מענטשן גייען מיר געבן נעסטי קאמענטס............

טאקע?! אזוי?!

אדרבה!!

ווי מער נעסטי קאמענטס איך גיי באקומען גיי איך וויסן וואס היכל הקודש טוט פאר מיר!

דער ראש ישיבה באקומט נישט קיין נעסטי קאמענטס? מוהרא"ש האט נישט באקומען קיין נעסטי קאמענטס?!

מוהרא"ש האט מסכים געווען צו זיין ללעג ולקלס אז איך זאל קענען באקומען ספר אשר בנחל און זיך מחי' זיין דערמיט, פלוצלונג גיי איך ווערן א שיינער איד?

מוהרא"ש האט



ווייניג בזיונות געליטן פאר מיר?!

מוהרא"ש האט געלעבט געשמאק מיט חברים פונקט ווי יעדער בחור, פלוצלונג, ווען מ'איז געוואר געווארן אלס אינגער בחור אז ער איז געווארן א ברסלב'ער, האבן אלע זיינע קאנטאקטס אים אביוזד! מ'האט אים אראפגעלייגט אויפ'ן פלאר, גענומען א פלייוואוד און ארויפגעלייגט אויף אים, און געטאנצן דערויף אז ער זאל אפלאזן ברסלב, מוהרא"ש האט ארויסגעשריגן פון אונטער די פלייוואוד "הרג'עטס מיך! א רבי' וואס מאכט מיך לערנען לאז איך נישט אפ ביז'ן טויט".

נאדיר קאנטאקטס!

נאדיר חברים!

אז מ'מאכט זיך מער שמוציג פאר'ן רבי'ן באקומט מען שענערע מתנות פונעם רבי'ן.

פאר יעדע פרק משניות וואס מוהרא"ש האט מיר געגעבן בין איך שולדיג הכרת הטוב אז איך זאל אנרופן נאך איין מענטש צו העלפן אונזער מוסד. יום לשנה, איין אביוזד קאנטאקט פאר יעדע פרק.........

בכלל, אלעס וואס מיר געניסן פון דעם מוסד איז נאר פון מענטשן וואס גייען ארויס פון זייער באקוועמליכקייט צו העלפן דעם כלל...... איז, אפשר מעג איך שוין אויך ארויסגיין אביסל



קאמפיין תשע"ט




פון מיין באקוועמליכקייט........

יענע וויכטיגע קאנטאקט וואס דו האסט טאקע נישט אביוזד ביי די לעצטע יעריגע קאמפיין, וואס האסטו געהאט פון אים די לעצטע צוועלף חדשים?!

כ'הער נישט!!.......

רעד העכער!!........

ווען נישט די מפיצים וואס גייען ארום און ליידן זיך אן בזיונות טאג טעגליך וואלטן מיר אלע היינט געוואוסט פון ברסלב אזוי מיר ווייסן וואו די רויטע פעפער וואקסט.

מיר מוזן צוריק באצאלן פאר די וואס אביוזן זייער קאנטאקטס פאר אונז. מיר מוזן באצאלן אונזער חוב פאר די מוסד, מיר מוזן טון אלעס וואס מ'קען צו העלפן די מוסד ווייטער אנגיין.

איינער וועט שפעטן פון דיר ווען די בעטסט געלט צו העלפן ברסלב? ש'געפערלעך.........

מ'האט געשפעט פון פנחס, מ'האט געשפעט פון משה רבינו.

נישט נאר מ'האט געשפעט פון משה רבינו, נאר ווען משה רבינו האט געוואלט ארויס נעמען די אידן פון מצרים איז דארט געווען א ריזיגע געמיינדע פון אזויגערופענע "עכטע ארגינעלע פארצייטישע" וואס האבן אנגעזאגט פאר זייערע קינדער אז משה רבינו'ס וועג איז א נייע נישט אויסגעהאלטענע וועג, און אז מ'מוז זיך האלטן אויף די אלטע וועג פון ארבעטן אין מצריים, לייגן א ציגל אויף א ציגל, ביי אונז פירט מען זיך צו כאפן מכות רצח פון די גויים.

זיי האבן נישט געוואלט גיין מיט משה רבינו ארויס פון מצרים, אריין אין ארץ ישראל. מ'רעדט דא פון א ריזיגע געמיינדע פון צוויי מיט א האלב מיליאן! (2.4 מיליאן, כמבואר ברש"י הקדוש "וחמושים עלו בני ישראל")

זייערע פארענטשעס זענען געווען סאאאאך גרעסער פון משה רבינו'ס, זיי האבן געהאט סאך א גרעסער'ן עולם.

און אז יענער שפעט איז וואס? וועל איך זיך פרובירן צו פארשטעלן ווי מ'האט געשפעט פון מוהרא"ש.

שכח טייערע ארי נרו יאיר פאר אריינלייגן הארץ און נשמה אין די קאמפיין. שכח פאר העלפן די מוסד אז מיינע קינדער זאלן האבן וואו צו הערן אז דער אייבערשטער האט מיך ליב, אז מ'קען בעטן דעם אייבערשטן אלעס, אז מ'ארבעט אויף שלום בית קען מען גרינגער היטן די אויגן, קען מען גרינגער היטן די מחשבה.

און אויב איינער גייט געבן א נעסטי' קאמענט ווען איך רוף פאר די קאמפיין, גיי איך נישט אריינפאלן אין א טרעפף. איך גיי זיך האלטן קלאסיש. איך גיי נישט אריינפאלן אין וויכוחים און טענה'רייען. הילערי קלינטאן האט געזאגט "ווען דהעי' גאו לאו, ווי גאו היי". (ווען זיי גייען נידעריג, האלט איך זיך אויבן). איך קען נישט אראפגיין צו א לעוועל וואס איז צו ביליג פאר מיר, ווייל איך רעפריזענט מוהרא"ש, איך רעפריזענט א גרויסן הייליגן צדיק וואס האט אוועק געגעבן אלעס אז איך זאל האבן א זיסע לעבן.

# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

mint COLLISION



Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com



# מעשיות פון תפילה

## שלום אלי׳ אינדיג - מאנטריאל קאנאדע:

א) זומער אין שטעטל; א מושג וואס ווער עס האט דאס שוין פרובירט דארף נישט מ׳זאל אים מסביר זיין וואס דאס מיינט, און ווער עס האט דאס נאכנישט פרובירט וועט נישט העלפן מ׳זאל אים מסביר זיין וואס דאס מיינט...

איך האב זייער זייער שטארק געוואלט זיין זומער אין שטעטל, אבער די הוצאת דערפאר איז ממש א געוואלד, קוים וואס איך שטופ דורך דעם טאג טעגליכן לעבן, וואו וועל איך נעמען נאך אפאר וואכן וועידזשעס דערפאר?

האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג מיט א שטארקייט איך זאל קענען זיין דעם זומער הבעל״ט אין שטעטל, און ווען איך האב זיך נאר דעמאנט דערפון דורכאויס דעם גאנצן יאר האב איך געשעפשעט א תפלה צום אייבערשטן איך זאל האבן די געלט דערפאר.

א מעשה פון תפלה! וואונדער איבער וואונדער! יעצט ווען איך שיק אריין די מעשה פון תפילה האלט מען א וואך פארן זומער, און איך האב די גאנצע געלט פון פאראויס! נס גדול היה שם!

ב) איך האב געדארפט עפעס ערלעדיגן אין אפסטעיט קאנאדע, אויפן וועג ארויף האט אנגעהויבן ווערן פארנעפלט און דאס האט אביסל פארשווערט דאס דרייוון, אבער נישט געפערליך. גייט נישט אדורך קיין דריי מינוט און ס׳הייבט אן צו רעגענען, אבער נישט סתם א רעגן, ס׳האט אזאנס גע׳מבול׳ט אז מ׳האט נישט געקענט זען גארנישט וואס טוט זיך אפ מער ווי א פיס אין פארנט פון מיין קאר, ממש איום ונורא, עד כדי כך אז מערערע מאל האט זיך געמאכט אז איך זאל אנהייבן שפירן ווי איך הייב אן ארעפ פארן זייטיג פונעם הייוועי, ס׳איז געווען עכט שרעקעדיג. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די רעדן זאל זיך ענדיגן און איך זאל קענען פארן ווייטער און אנקומען בשלום.

ברוך השם איך בין אנגעקומען בשלום צו מיין באשטימטע דעסטינאציע, אבער משום איזה סיבה שהוא האב איך גלייך געדארפט צוריק פארן. צום באדויערן האב איך פשוט נישט געהאלטן דערביי צוריק צו דרייוון אין אזא גאס רעגן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז דורכאויס די גאנצע וועג צוריק זאל די קאנאדע שאסייען זיין ריין פון רעגן אדער נעפל וכדומה, און שכח אייבערשטער די גאנצע וועג אהיים איז אדורך בשלום אנדעם וואס די וועטער זאל מיך שטערן פון דרייוון.

## משה ארי׳ שניטצלער - קרית ברסלב

איך האב געהאט א קאורט דעיט אין וואטסבארא קאורט הויז פאר די צייט פון 10:15 אינדערפרי. איך בין ארויסגעפארן אביסל שפעט, די GPS האט געוויזן אז איך גיי נישט אנקומען אזוי צייטליך.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די ריכטער זאל נישט זיין בייז אויף מיר, און מיר ארייינלאזן אפילו עס שוין אביסל שפעט, אזוי אויך זאל ער מיר נישט געבן קיין פוינטס אויף די לייסענס.

למעשה בין איך אנגעקומען אין קאורט 11:30.

אויפן וועג האב איך זיי גערופן זאגן אז איך בין שפעט, און איך וועלט דארט זיין בערך א שעה שפעטער ווי די צייט, האבן זיי מיר געזאגט אז איך קען קומען, אפשר וועט מיר עס נאך געלונגען און די ריכטער וועט נאך דארט זיין.

למעשה בין איך אנגעקומען ממש די לעצטע מינוט ווען די ריכטער איז נאך געווען אין זאל, א מינוט שפעטער וואלט מיין רייזע געווען אומזינסט.

די צווייטע נס איז געשען אז ער האט אראפגענומען אלע פוינטס,ער האט מיר נאר געגעבן אזא שמיר ארויף אפאר דאללער צו באצאלן אנשטאט די פוינטס.

שכח אייבערשטער ביסט אזוי גוט צו מיר.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר: "לָאז דִיר אָפּ פוּן ..."; דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרע וַוייבּ וָואס וִויל רֶעדְן מִיט דִיר אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר. עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ דֶערְפַאר זוּכְט עֶר וִוי עֶר קֶען אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן אִינְגֶעלַייט פוּן זֵייעֶר שְׁטוּבּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי נֶעכְט; עֶר אִיז אַ וואוּילֶער אִינְגֶערְמַאן אָבֶּער דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַוֶועק לֵייגְן דַיין שְׁטוּבּ וֶועגְן אִים.

דַיין וַוייבּ וִויל מִיט דִיר פַארְבְּרֶענְגֶען, זִי וַוארְט אוֹיף דִיר. וִויפִיל קֶען זִי זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִיר: "קוּם אַהֵיים"?! **זִי וִויל נִישְׁט זַיין דַיין מַשְׁגִּיחַ אוּן 'פָּאלִיס לֶעדִי'**, זִי וִויל דִיר נִישְׁט נֶערְוֶועז מַאכְן מִיטְן דִיךְ מוּטְשֶׁען: "וואוּ בִּיסְטוּ?" "וֶוען קוּמְסְטוּ?" אָבֶּער זִי אִיז פוּל מִיט וֵוייטָאג. זִי וִויל מִיט דִיר פַארְבְּרֶענְגֶען; זִי הָאט דִיךְ לִיבּ אוּן זִי קוּקְט דִיר אַרוֹיף.

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זוּכְן מִיט וֶועם צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען בַּייְנַאכְט; דִי אַלֶע וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בַּייְנַאכְט אוֹיפְן גַאס זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ. אָדֶער זֶענֶען זֵיי גֶע'גֶט לֹא עָלֵינוּ, אָדֶער הַאלְטְן זֵיי פַאר אַ גֶט וְכוּ׳.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן **אַהֵיים קוּמֶען בַּייְנַאכְט** אוּן זַיין מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה יֶעדֶעס מָאל וֶוען דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר אַ סִיוּם מִשְׁנַיוֹת אָדֶער אַ סִיוּם מַסֶּכְתָּא.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



# זיך היטן די אויגן

## חלק ג׳

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** אויך אין אפיס דארף מען זיך היטן די אויגן. אויב איז דא ביי דיין ארבעט אפענע אינטערנעט דארפסטו זען וואס דו קענסט טון אז דו זאלסט נישט פארלירןביידע וועלטן; פראביר צו בעטן דיין בעל הבית ער זאל פארמאכן דיין אינטערנעט אז דו זאלסט נישט קענען אנקומען צו שלעכטע פלעצער.

יעדע מאוו"י איז כלול פון די דריי הארבע עבירות - עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכות דמים; אז מען היט זיך נישט די אויגן קומט מען צו ביטערע עבירות, מען פאלט אריין אין די הארבסטע עבירה פון פגם הברית - רחמנא לצלן, רחמנא לשיזבן, און אלעס הייבט זיך אן פון די אויגן.

שלמה המלך זאגט (משלי ז, כה): "**וְעַתָּה בָנִים, שִׁמְעוּ לִי, וְהַקְשִׁיבוּ לְאִמְרֵי פִי**", איך בעט ענק הערט מיר צו, נעמט אן די רייד פון מיין מויל, "**אַל יֵשְׂטְ אֶל דְּרָכֶיהָ לִבֶּךָ**", גייט נישט נאך די וועגן וואס ברענגען עבירות, "**אַל תֵּתַע בִּנְתִיבוֹתֶיהָ**", ווערט נישט פארבלאנזשעט פונעם גוטן וועג, "**כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה**", ווייל אסאך זענען שוין אוועקגעפאלן פון נאך גיין נאך עבירות, "**וַעֲצֻמִים כָּל הֲרֻגֶיהָ**", און אן א שיעור מענטשן זענען שוין גע'הרג'עט געווארן דורך טון עבירות; דאס גייט ארויף אויפן אינטערנעט וואס שלעפט אוועק מענטשן פונעם אייבערשטן, איינמאל מען פאלט אריין אין דעם איז שוין זייער שווער ארויס צו קריכן דערפון.

איך האף אז דו וועסט זיך באהעפטן מיט ערליכע אידן, וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.



# א מעשה
## פון א צדיק

## זָאל זַיין אַזוֹי!

דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף - דֶער מַגִיד פוּן פּוֹלְנְאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּ אַ בְּרִית, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים מְכַבֵּד גֶעוֶועזְן מִיט סַנְדְקָאוּת, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן הָאט מֶען גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם בְּרִית אָן אִים

לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת אָנְגֶעקוּמֶען נָאכְן בְּרִית אוּן עֶר גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע הַקְפָּדָה פַארְוָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים.

אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אוֹרַח וָואס הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט זֵייעֶר מָאדְנֶע; יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי!"

מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אִיר ווִילְט עֶסְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זָאל זַיין אַזוֹי!"

"אִיר דַארְפְט חַלֶה?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זָאל זַיין אַזוֹי!"

"אִיר דַארְפְט פִישׁ?" "זָאל זַיין אַזוֹי!"

אִיר דַארְפְט נָאךְ פִישׁ? "זָאל זַיין אַזוֹי!"

אוֹיף וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט 'זָאל זַיין אַזוֹי'.



ברית ביי מוהרא"ש זי"ע פון נחמן נתן נ"י בן מו"ה ישעי' איידליס הי"ו - ד' וארא תשע"ד

דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן מִיט דֶעם גַאסְט, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס רוּדֶערְט זִיךְ, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס מֶען לַאכְט, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס זָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ: "זָאל זַיין אַזוֹי!"

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס מֵיינְט מֶען נָאר אִים, דָאס אִיז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אִים לֶערְנֶען עֶר זָאל נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דֶעם אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים מִיטְ'ן בְּרִית.

(עצתו אמונה פרשת בלק תשע"ח)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ל"ט -

**פארזעצונג פון פריער:** ר' לֵייבּ פוּן טְרַאסְטִינִיעֶץ זַ"ל אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן יַם זַייעֶנְדִיג אוֹיף אַ שִׁיף אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "וֶוען מַיין אֵיידֶעם ר' יוּדְל וָואלְט דָא גֶעוֶוען מִיט מִיר, וָואלְט עֶר נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט אִיךְ זָאל דָא נִפְטָר וֶוערְן".

* * *

גְלַייךְ פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר בַּאפוֹילְן אַז וֶוען עֶר וֶועט נִסְתַּלֵק וֶוערְן זָאל מֶען אִים לֵייגְן אוֹיף אַ בְּרֶעט אוֹיפְ'ן וַואסֶער, אוּן אִים לָאזְן דָארְט אַלֵיין שְׁווִימֶען אוֹיפְ'ן יַם. אוּן אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן.

דִי בְּרֶעט אִיז אַזוֹי גֶעשְׁווִימֶען אוֹיפְ'ן יַם בִּיז צוּם בְּרֶעג צוּ אַ גֶעווִיסֶע שְׁטָאט, אוּן דָארְט אִיז זַיין הֵיילִיגֶער גוּף אַרוּמְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט אַ פֵייעֶרְדִיגֶע זוֹיל, אוּן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִים אוֹיפְנֶעמֶען.




אִין יֶענֶע שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען מִיט יָארְן פְרִיעֶר אַ חָכָם וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיין צַוָואָה אַז מְ'זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים, נָאר וֶוען סְ'וֶועט קוּמֶען אַ חָכָם פוּן פּוֹלִין אוּן סְ'וֶועט זַיין אוֹיף אִים אַ פֵייעֶרְדִיגֶע זוֹיל, דֶעמָאלְט זָאל מֶען יֶענֶעם לֵייגְן נֶעבְּן אִים.

דֶערִיבֶּער וֶוען דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן נִפְטָר וָואס שְׁטֵייט אִיבֶּער אִים אַ פֵייעֶרְדִיגֶע זוֹיל, הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע לְוָיָה, אוּן מְ'הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט נֶעבְּן דֶעם חָכָם.

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז כִּמְעַט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, סְפֶּעצִיעֶל זַיין אֵיידֶעם דֶער צַדִיק רֶבִּי יוּדְל זַ"ל.

אִין יֶענֶעם חָלוֹם הָאט עֶר אוֹיךְ מְגַלֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער סוֹד, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן צ"ו, דִיבּוּר הַמַתְחִיל "דַע כִּי יֵשׁ קַבָּלָה בְּיָדִי"), וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז וֶוען סְ'אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיף אַ צַדִיק, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז סְ'זָאל אַרַיינְקוּמֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, עֶפֶּעס עֶנְלִיךְ צוּ דִי מַחְלוֹקֶת, צוּ אַ צְוֵוייטְן צַדִיק אִין מֹחַ, אוּן וַוייל דֶער צְוֵוייטֶער צַדִיק וִויל מַעְלָה זַיין דִי מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז עֶס לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט מַעְלָה, אָבֶּער מִיט דֶעם כֹּחַ הָרָצוֹן וָואס עֶר וִויל עֶס מַעְלָה זַיין, צוּבְּרֶעכְט עֶר דִי אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת. דֶעם סוֹד הָאט דֶער רֶבִּי מְקַבֵּל גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם חָלוֹם פוּן רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִין חָלוֹם, "רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דִי קֶרֶן פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אָבֶּער דִי פֵּירוֹת הָאט עֶר גֶעלָאזְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב, זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע רַבָּנִים; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מִיטְגֶענוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיךְ דִי פֵּירוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער גֶעבְּלִיבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאל זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּ דִיר".

וִוי גֶעזָאגְט אִיז רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל גֶעוֶוען פוּן דִי חָשׁוּבֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע גְזֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "אִיךְ מוּז הָאבְּן דָא מַיין תַּלְמִיד רֶבִּי לֵייבּ, וַוייל נָאר מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה". זַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּן זַיין קְדוּשָׁה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, מְ'דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע, דֶער פֶּעטֶער פוּן רֶבִּי'ן, הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל גֶעשְׁלָאפְן בַּיים רֶבִּי'ן ר' בָּרוּכְ'ל זי"ע אִין דִי סוּכָּה, אוּן זַיין קוּשְׁן הָאט זִיךְ צֶערִיסְן אוּן דִי פֶּעדֶערְן זֶענֶען זִיךְ צֶעפְלוֹיגְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע סוּכָּה. מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל וֶועט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף אִים, אָבֶּער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל הָאט גֶעזָאגְט, "דִי פֶּעדֶערְן פוּנֶעם קוּשְׁן אוֹיף וָואס רֶבִּי לֵייבּ אִיז גֶעשְׁלָאפְן, זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר בַּיי מִיר, דָאס זֶענֶען מַיינֶע נוֹי סוּכָּה". אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר אִים מַחְשִׁיב גֶעוֶוען אוּן אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## בשורה טובה!

א פוס דאקטאר וועט אראפקומען אין
שטעטל, זונטאג מטות מסעי (July 9th) פאר
קינדער און ערוואקסענע וואס קענען געניס פון
ספעציעלע orthopedic wear
זיך איינצושרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 12:00 און 6:00
די אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע
מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן
נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.
פלאץ איז באגרעניצט, שרייבט אייך איין וואס פריער!

דאס איז נאר פאר די וואס זענען נישט געווען אין די ווינטער.




Lady driver in Liberty area
By B. Tyrnauer

Please call
**347-228-2931**



**שיינע פריוואטע 1**
**בעדרום דירה אויף**
**האשקי צו פארדינגען**
**פאר א שבת, אדער**
**פאר א וואך.**

**צו באשטעלן רופט**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**845-492-0566**

## דירות אין שטעטל פאר זומער

איין בעדרום דירה און צוויי בעדרום דירה
אויף האשקי שטייט גרייט צו פארדינגען
פארן גאנצן זומער, און אויך פאר שבתים.

פאראינטערעסירטע ביטע רופן

**845-774-5616 #104**

## דירה אין שטעטל פאר זומער

הערליכע פיר בעדרום דירה שטייט
גרייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער

פאראינטערעסירטע ביטע רופן

**917-501-5100**

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפייד

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







## PLUMBING SERVICE

For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES
Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

## EAR PIERCING

By Braindy Tyrnauer

For appointment call
**347-228-2931**

מיט א טיפטרון | בל'יל

# צוועלף חדשים



ישראל דוד העסקעל

**א**מינוט ווי אזוי ביסטו בכלל אנגעקומען קיין ברסלב?

ווי אזוי?! דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר!

דאס איז די זאך פון ענק ברסלב'ער... אייביג מוזט עטץ ענטפערן ווי א ברסלב'ער! איך פרעג דיר א נארמאלע קשיא! עניוועי ווי לאנג ביסטו שוין אין ברסלב?

זייט ח"י תמוז תשפ"ב!

סאו ענק זענען נישט קיין ברסלב'ער'ס, למעשה למשל דו פילסט נישט מקושר צו דער רבי, אמת? כ'מיין ווי אזוי ארבעט עס? ווייל ס'דא דער ראש ישיבה נאכדעם איז דא מוהרא"ש און ר' נתן און דער רבי, סאָו צו וועמען ביסטו מקושר? ס'קען נישט זיין אז ענק פילן א קאנעקשן מיט די רבי ווייל ענק זענען אינגאנצן מקורב צו דער ראש ישיבה!

איך האב גרויס נייעס פאר דיר מיין טייערע פריינט, אבער דער רבי, ר' נתן, מוהרא"ש, דער ראש ישיבה און אלעס אינצוויישן איז ביי מיר איינס!

אלעס איז די עצות און חיזוק פון דער רבי אראפגעברענגט פאר אונז זיך צו קענען מחי' זיין! אלעס איז ווי איין




גרויסע שטיק.

איך הער, נא נא...

אבער וואס איז טאקע געווען די מעשה? כ'מיין א מסודר'דיגער נארמאלער אינגערמאן זאל זיך אזוי פון איין מינוט צום צווייטן געבן א טויש צו א נייע פרעמדע פלאץ, דאס איז נישט עפעס וואס מ'הערט יעדן טאג, זיי מודה אז ס'איז אביסל אויפפאלנד. וואס האט דיר אזוי געכאפט?

אז דו האסט צייט וועל איך דיר גערן ענטפערן... איך ווייס נאר נישט פונקטליך פון ווי אנצוהייבן, ווייל איך שפיר ווי מיין גאנצע לעבן איז געווען איין גרויסע סיפור התקרבות, יעדע איבערגייעכטץ וואס איך בין אריבער איז געווען נאך א שטופ אז איך זאל קענען זוכה אנצוקומען צו דעם הייליגן



פלאץ.

אזוי ווי דו האסט פריער טאקע געזאגט האב איך זיך געדרייט אין א גוט פלאץ מסודר מיט חברים און אלעס ארום, אבער אלעס אן א מורה דרך. אן א צדיק וואס לערנט ווי אזוי זיך צו פירן, קען זיין אז פאר אנדערע ארבעט עס... איך ווייס נישט... זאל יעדער טראכטן פאר זיך 'וואס געבט מיך מיין פלאץ'...

אבער איך האב זיך נישט ממש נישט געקענט מסדר זיין מיט מיין לעבן אן די עצות פון דער רבי אן דעם דרך הלימוד און אזוי ווייטער. איך האב ממש געשפירט אסאך מאל ווי איך בלאנדזשע אין לעבן, יעדער וויל דאך זיין גוט, יעדער וויל זיין ערליך, אבער וואס מיינט גוט? וואס מיינט ערליך?

איינער זאגט ווער ס'עסט פיצה איז א שגץ! א צווייטער איז זייער פארקאכט אז אזעלכע גלעזער דאס טאר מען נישט... איינער איז גאר ברוגז אויף די גוי'אישע תפילין בייטלעך, וואו הייבט מען אן? ווער זאגט דעם אמת? ווער ברענגט צום אייבערשטן? ווער קען מיך מאכן זיין אן ערליכער איד אן אלע זייטיגע זאכן?

אזוי האב איך געפלאטשקעט און געפלאטשקעט - געזוכט עפעס זאל זעטיגן מיין נשמה. כ'האב געמאכט חברותות ס'האט אנגעהאלטן בערך דריי טעג...איך בין געגאנגען צו מער א לומדי'ישע שיעור, אבער דאס האט זיך אויך נישט אויסגעארבעט... פון דער אנדערער זייט דאנק איך און לויב דעם אייבערשטן אז איך בין אדורך עטליכע געזונטע רדיפות און בזיונות, אזוי גאנץ שנעל האב איך געכאפט אז חברים עקזיסטירט נישט! און דער וואס שטעלט זיך אהער פון דרויסן ווי אן ערליכער, אבער באמת טוט ער נישט גוטע מעשים רחמנא לצלן, דארף איך נאכנישט האבן קיין התפעלות און מיינען אז אידישקייט איז בלאף.
בקיצור איך האב זיך געוואלגערט ווי א פארלוירענער! איך האב נישט געקענט טרעפן דאס פלאץ וואס קען מיך העלפן, וואס קען מיך געבן א געשמאק אין דאווענען, איינער וואס מיך מאכן רעדן שיין און שטוב.

ס'איז געווען מאנטאג אינדערפרי א טאג נאך שבעה עשר בתמוז תשפ"ב - די ערשטע טאג פון די דריי וואכן, איך קום אריין אין אפיס ווי געווענליך, איך טו אן מיינע העדפאונס און איך וויל אנהייבן הערן מוזיק.

איך געב זיך א כאפ ס'איז דאך די דריי וואכן! מיין קאפ האט אנגעהויבן





פיבערהאפטיג ארבעטן מיט אלע מיני' התירים פארוואס איך מעג יעצט זיכער הערן מוזיק... איך הער דאך עס נישט פאר ענדשוינמענט, איך הער נאר ווייל איך דארף זיך דיסטרעקטן, און אויב הער איך נישט מוזיק גיי איך האבן קאפ ווי', לכאורה בין איך אפילו מחויב יעצט צו הערן מוזיק...

איך ווייס נישט פארוואס פונקט דא פונקט יעצט אין דעם מצב און אויף דער זאך אבער ס'האט פאסירט! אן קיין פריעדיגע ווארענונגען האב זיך אזוי' גענומען וויינען, א מזל קיינער איז נאך דעמאלט נישט געווען אין אפיס, איך האב געשפירט ווי איך טראג עס נישט איבער!

איך האב אנגעהויבן וויינען צום אייבערשטן וואס טו איך דא? וואו גיי איך? באלד לייגט מען מיך אוועק אין דער ערד און מיט וואס גיי איך צוריק קומען? אלעס וואס נישט איז זייער קלאר, דער קען מיך נישט העלפן ווייל ער קען זיך אליין נישט העלפן, און יענער וואס פארקויפט זיך פאר א טערעפיסט איז דער גרעסטער שווינדלער, און דער וואס זאגט 'לאז זיך אפ פון אלע שטותים גיי אין שול און עפן א גמרא און לערן אויב ווילסטו אזוי' שטארק לערנען...' ער איז הונדערט פראצענט גערעכט, אבער ווי אזוי' טוט מען עס?

אלע מהלכים פון די רעכטע ביז די לינקע ווען מ'לייגט עס שטימט עס, אבער תכלית ווער קען מיך העלפן?

באשעפער אזוי' אנגיין ווייטער איז מיר אוממעגליך! איך דארף א וועג ווייזער. ס'קען נישט זיין אז איך בין שוין א פארפאלענער, יעדער קען לערנען און דאווענען, נאר איך דארף עסן שטרוי? איך וויל פלעין זיין אן ערליכער איד, איך וויל נאר טון רצון השם. אבער תכלית באשעפער אין הימל איך ברען אפ איין טאג נאכן צווייטן וואס גייט דא זיין מיט מיר?

איך בין געווארן א בדיעבד איד? איך גיי יוצא זיין מיין לעבן? איך וויל האבן א תורה לעבן אויף אלע באקן ווי ס'דארף צו זיין, נישט דורכשטופן די לעבן ווי א בלינדע קאטשקע!

איך ווייס נישט ווי לאנג דאס איז געווען אבער ערגעץ האב איך זיך צוריק אויפגעוועקט און האב מחליט געווען אז איך גיי אויפזוכן עפעס א שיעור - אזוי' זאל איך נישט דארפן הערן מוזיק. איי וואס שיעור? ווען שיעור? אין צוואנציג מינוט גייסטו אזוי' פלאצן און דו ביסט צוריק צו די מוזיק סיי ווי'... אבער איך בין מחליט מיט א שטארקע החלטה אז אין צוואנציג מינוט וועל איך דעמאלט מחליט זיין וואס צו טון, יעצט קען איך פאר אפאר מינוט כאטש זיין ערליך און פאלגן דעם שלחן ערוך!

איך הייב אן זוכן שיעורים און איך זע א שיעור פון דער ראש ישיבה, איך האב קיין סאך נישט געוואוסט צו זאגן פון דער ראש ישיבה, כ'מיין אז חוץ פון דער נאמען האב איך ממש גארנישט געוויסט - נישט גוט און נישט שלעכט. אבער אזוי' ווי דער נאמען האב איך שוין געהאט געהערט האב איך געטראכט צו זיך לאמיר הערן וואס דער איד האט צו פארקויפן...

איך הייב אן הערן דעם שיעור (ס'איז געווען די שיעור פון ה' בלק לאברכים), און איך הייב אן ארבעטן. מיין גאנצע קאפ איז געווען טיף קאנצענטרירט אין מיין ארבעט איך האב נישט צוגעלייגט קיין קאפ צו די שיעור, אבער אזוי' ווי די שיעור האט זיך געענדיגט האב איך






געשפירט ווי עפעס פאסירט מיט מיר, די דיבורים זענען אריינגעקראכן טיף אין מיין הארץ און אויפגעוועקט מיין נשמה, מיין הארץ האט געקנאקט און געבאמבערט, איך בין שנעל ארויסגעלאפן כאפן פרישע לופט און קומען צו זיך.

איך זעץ זיך צוריק אריין אין אפיס און איך הייב גראד אן הערן נאך א שיעור און שיעור, אזוי האב איך א גאנצן טאג געהערט שיעורים.

דעם נעקסטן טאג קום איך אריין אין אפיס און גלייך האב איך אנגעצינדן צו הערן נאך א שיעור און נאך א שיעור איינס נאכן צווייטן ביז סוף טאג. סוף טאג קומט איינער צו צו מיר דארט אין אפיס און זאגט מיר "איך האב באמערקט אז די לעצטע צוויי טעג האסטו געהערט שיעורים פון דער ראש ישיבה, אלעס פיין און וואויל, אבער איין טובה בעט איך דיר נאר, קום מיר נישט מארגן זיצן דא מיט א משניות..."

און דא האט פאסירט דער קליק, איך כאפּ זיך איך האב דאך נעכטן אזוי געוויינט צום אייבערשטן אז איך דארף א וועג, איך דארף א צדיק וואס זאל מיך ווייזן ווי אזוי צו לעבן, דער אייבערשטער האט דיר גראד געענטפערט! די ערשטע זאך בין איך געלאפן אין ספרים סטאר קויפן א קליינע סעט משניות, דעם נעקסטן טאג ביי דער ארבעט בין איך שוין געזעצן מיטן משניות'ל!

מיין שווער זאל זיין געזונט פרעגט ביי אלע שמחות פון די קינדער: לכאורה איז דא זייער א שטארקע סתירה, אין איין פסוק תהלים שטייט 'אודה השם מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו' - א מענטש איז מחויב צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים ברבים. ביי א צווייטע פסוק שטייט 'אודה השם בכל לבב בסוד ישרים ועדה' - אז מ'דארף דאנקען דעם אייבערשטן שטילערהייט ביי זיך אין הארץ. איז וואס איז טאקע די ריכטיגע וועג?

נאר ס'איז דא חסדים וואס יעדער זעט, יעדער ווייסט, אויף דעם דארף מען הויך דאנקען דעם אייבערשטן און זאגן שכח אייבערשטער פאר אלע חסדים! נאכדעם איז דא חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיט א מענטש וואס דאס ווייסט נאר דער מענטש אליין, דאס איז נישט זאכן וואס מ'קען זאגן ברבים דאנקט מען אויף די זאכן שטיל, נאר דער אייבערשטער ווייסט!

איך קען שרייבן דא גאנצע בלעטער איבער די גרויסע חסדים וואס דער אייבערשטער האט מיט מיר געטון די לעצטע צוועלף חדשים, און אויך פאר אלעס פון פארדעם וואס איז געווען ווי א גרויסע הכנה אז איך זאל קענען זוכה זיין אנקומען אין אזא הייליגן פלאץ.

נאך א גרויסע נס האב איך געהאט גלייך ווען איך בין מקורב געווארן, איך געדענק איך בין געווארן אזוי פרייליך דעמאלטס אזוי אויפגעלעבט אז א נאענטער חבר איז צוגעקומען צו מיר און ער פרעגט מיר אזוי שטילערהייט - וואס איז די מעשה מיט דיר די לעצטע צוויי טעג? האסט אנגעהויבן נעמען עפעס?

זאג איך אים דו ווייסט נישט וואס איך האב געטראפן! איך האב געטראפן דער ראש ישיבה מיט גרויס חסדים פונעם אייבערשטן! און דאס געבט מיך פשוט א שטיק לעבן ס'האט מיך אנגעפילט אלע לעכער פארענטפערט אלע קשיות ס'איז אזוי ריין און ערליך, איך שפיר זיך ווי איך האב געוואונען דער לאטערי!





אהא איך הער זאגט ער מיר 'זייער שיין' יא איך האב שוין אמאל געהערט פון דער ראש ישיבה... איין זאך וויל דיר נאר מייעץ זיין אלס א גוטער חבר - האסט געטראפן עפעס וואס ארבעט פאר דיר ס'העלפט דיר ס'מאכט דיר פרייליך, האלט עס שטיל, ווייל איך זאג דיר אזוי דער עולם גייט אויסגעפונען אז דו נעמסט חיזוק פון דארט גייסטו ווערן ללעג ולקלס צו שאנד און צו שפאט, גלייב מיר איך מיין נאר דיין טובה הער די שיעורים פאלג די עצות אבער וואס דארף יעדער וויסן פון דעם?!



אקעי טראכט איך צו זיך וואס קען שוין זיין אז איך וועל טאקע האלטן דאס שטיל פאר זיך... הגם איך פארשטיי נישט פארוואס איינער זאל בכלל אנגיין אז איך האב געטראפן אזא זיסע לעכטיגע פלאץ, די סברה זאגט דאך פונקט פארקערט, אויב בין איך געווארן אזוי אויפגעלעבט לאמיך עס מיט טיילן מיט יעדן איינעם, זאל יעדער וויסן אז ס'איז דא אזא לעכטיגע פלאץ מיט אזעלכע זיסע עצות ווי אזוי יעדער קען ווערן א צדיק און זיין פרייליך און ערליך, אבער אויב ער זאגט אזוי... זאל זיין אזוי!

ערליך האב איך אים געפאלגט פאר צוויי טעג און קיינעם גארנישט געזאגט. ביז איין טאג קום איך אריין און שול און מענטשן ארום מיך הייבן אן רודערן, הע ברסלב.... האסט געהערט מ'האט אים נעבעך פארכאפט... איינער מיט זייער זייער א זיסע דשאוק... א צווייטער איז שוין געקומען דערעקט מיט בזיונות... אויף די מינוט האט מיך עס זייער געשטערט איך האב דאך קיינעם נישט געזאגט... אבער היינט דאנק איך אזוי דעם אייבערשטן פאר דעם ווייל איך וואלט נאך ביז היינט געקענט ארומגיין און ציטערן פון מיין אייגענער שאטן אז קיינער זאל חלילה וחס נישט אויסגעפונען אז איך נעם די לעכטיגע זיסע חיזוק און עצות פון ברסלב!

אזוי ווי איך האב געזען דעמאלט אז איך כאפ מילא בזיונות און יעדער ווייסט סיי ווי האב איך זיך שוין נישט געזוכט צו באהאלטן, אדרבה, איך האב יעדן געזאגט דא איז דא א פלאץ וואס איז מחי' מענטשן, ס'וועט דיר אויפלעבן!

איך האב א חבר פון ישיבה אין בארא פארק א חשובער אינגערמאן וואס איז אויך מקורב. אמאל האבן מיר געשמועסט צוזאמען און ער זאגט מיר אזוי מיט ווייטאג: "אזא שאד, מיר זענען דאך אויפגעוואקסן אין בארא פארק אונטער דעם שאטן פון מוהרא"ש זצ"ל, ווען מיר וואלטן ווען געוואוסט דעמאלט אז דא וואוינט א צדיק וואלטן מיר אזוי געלאפן..."

האב איך אים געזאגט: "איך דאנק זייער שטארק דעם אייבערשטן איך האב נישט געוויסט דעמאלט פון מוהרא"ש, ווייל מיר זענען דאך געווען אינגע בחורים אן קיין שכל, און לכאורה וואלט איך געווארן א לץ און אפגעשפעט פונעם צדיק, אנשטאט צו ווערן מקורב. עס דארף קודם אדורך גיין אביסל אין לעבן, און נאכדעם קומט מען אן צום צדיק מיט א אמת!

שכח אייבערשטער פאר אזוי שיין פירן מיין לעבן! שכח באשעפער פאר אזוי רחמנות האבן אויף מיר און מיך געבן אזא ריינע לויטערע פלאץ וואס מאכט מיך זיין אן ערליכער איד!

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!

פאר די
ברסלב'ע
שטוב

מ. פאפנהיים

# די גרויסע חתונה
## איז היינט!

ט' תמוז תשפ"ג

לאנגע חדשים וואכן און טעג וואס יעדער גרייט זיך אויפן גרויסן טאג, מען פלאנירט פונקטליך וואס מען גייט אנטון, וועלכע מעניו מען גייט עסן, ווי אזוי און ווען מען גייט גיין, קומען, רעדן און שמייכלען.

וואס קען שוין זיין אינמיטן א זומער טאג? עס איז נישט יום טוב, און אפילו נישט ערב יום טוב, עס איז אויך נישט ראש חודש. אבער ביי אונז אין משפחה איז עס זייער א אויסגעווארטעטע טאג, עס איז דער טאג וואס מיין טייערער ברודער גייט חתונה האבן.

אויפמארגן פונעם שידוך שליסן האט מען באשטימט די חתונה און אפגעמאכט א זאל, וואס זאל זיין געגנוג שיין און באקוועם פאר אלע געסט מיטצוהאלטן. דער איבערגאשטעטער חתן האט זיכער געמאכט אז דער בעסטער פויקער פון ירושלים זאל קומען פויקן, אזוי וועט ער זיין רוהיג אז עס גייט בעזרת השם זיין א פעסטע פריילעכע חתונה.

<<<<<



די מחותנים האבן אפגערעדט פונקטליך מיטן קעכער וואס, ווען און וויפל עסן צו ברענגען, און איינגעטיילט די טעג פונעם שבע ברכות, מען זאל קענען פלאנירן וואספארא עסן זאל זיין יעדן טאג, חלילה וואס איין טאג זאל זיין די זעלבע פונעם פריערדיגן.

איין שוועסטער האט גענומען אויף זיך דעם פראיעקט פון די קליידער, יעדער מוז קומען אנגעטון אייניג, פון גרויס ביז קליין, אינגלעך און מיידלעך. נאכאמאל??? איך האב גוט געהערט???! מיינע אינגלעך דארפן גיין אנגעטון די זעלבע ווי מיין ברודער'ס מיידלעך??? וואו שאפט מען אזעלכע סעט'ס? וואס??? וויפיל קאסט עס??? אויף איין נאכט צו דינגען קליידער פאר אזוי טייער???

מיין שוועסטער האט אנגעשטעלט גרויסע אויגן אויף מיר. "אויף וועלכע וועלט לעבסטו? האסט נישט געזען ביי די לעצטע חתונות אז יעדע נננאאאררררמממאאאללללעעע משפחה גייט אזוי? וואס זאל איך איר זאגן, אז איך לעב טאקע באמת אויף א אנדערע וועלט?

אז איך קען נישט פארשטיין ווי אזוי די אלע נננאאאררררמממאאאלללעעע משפחות טוען אזוי? משפחות ווי ס'איז **נארמאל** צו רעדן אז מען עסט שבת נאר געפילטע פיש ווייל מען האט נישט קיין געלט, אינמיטן וואך זעט מען נישט קיין פלייש פאר די אויגן ווייל ס'איז נישטא קיין געלט, און מען קען אמאל שיקן די קינדער אין חדר אן פרישטיג ווייל ס'איז נישט געווען קיין געלט צו קויפן ברויט...

די ערנסטע שוועגערין פון די משפחה האט אויסגערעכנט פון פערציג טעג פאר די חתונה צו זאגן יעדן טאג אפאר קאפיטלעך תהילים אז אינעם טאג פון די חתונה זאל יעדער ענדיגן דעם ספר תהילים, און זי האט אויסגעטיילט א קלארער חשבון פון טעג און קאפיטלעך פאר יעדן איינעם, לפחות רעדט שוין איינער אביסל צו די זאך. מיין לעבעדיגע שוועגערין האט גענומען רודערן אז מען מוז ברענגען שיינע טויערן אויפצונעמען די כלה ווען זי קומט אריין צום טאנצן, און מען מוז האבן באלאנען און צוקערלעך וואס די כלה זאל צו ווארפן איבערן זאל בשעת'ן טאנצן, אויך קאנפעטי צו צופלאצן און ס'זאל פליען די שטיקעלעך און צעטעלעך אויף יעדן איינעם.

ס'איז געווארן א גאנצע וויכוח, איינע האט געשריגן אז מען דארף עס נישט האבן עס מאכט נאר קאפווייטאג, א צווייטע שרייט שמחת חתן וכלה, און א דריטע ברענגט א דעה אז מען טאר נישט, ווייל עס מאכט שאדן פאר די זאל, דער איז געווארן באליידיגט, יענער בלאזט שוין, און די צדיקת פון די משפחה גייט שוין מאכן שלום.



איבערגעשטערנגטערהייט האב איך אראפגעלייגט די טעלעפאן נאכן אויסהערן די משפחה ליין. איינער טראכט דא בכלל אז עס איז דא א חתן און א כלה? איינעם פאלט איין זיך צו פרייען מיט דעם וואס די חתן כלה גייען אויפשטעלן א אידישע שטוב פארן אייבערשטן???

קוק וויפל קאפ, צייט און כח, מען לייגט אריין אין די קליידער, שיך און האר. איך פרוביר זיך צו דערמאנען ווי אזוי מיינע שוועסטער'ס און שוועגערינס זענען געגאנגען אנגעטון ביי מיין חתונה, און... איך הייב נישט אן צו גדענקען... איך דארף גיין קוקן די אלטע בילדער... און ניין, איך האב נישט חתונה געהאט פאר צוואנציג יאר צוריק. דעמאלט האט מען אריינגעלייגט נישט ווייניגער כוחות, צייט און געלט, אז אלעס זאל קלאפן אויפן בעסטן אופן.

נישט לאנג צוריק האבן מיינע קינדער געקוקט די בילדער פון טאטי און מאמי'ס חתונה, און מיין אינגל האט נישט געקענט פארשטיין, "מאמי! דיין חתונה איז געווען אין א זאל??!" גלייבט מיר אז איך האב זיך געוואלט באגראבן פאר בושה... וואס זאל איך טון אז איך האב באקומען מיין שכל נאך די חתונה...

דערווייל גרייט זיך דער עולם צו די ריזיגע חתונה, מען ציילט שוין די וואכן און טעג. איין טאג לאזט מיין גרויסע ניס א מעסעדזש פאר יעדן, אז - נאך - צוויי - וואכן - איז - שוין - די - חתונה...

בום... די באלאן האט זיך צופלאצט... מען בלאזט, עס בלאזט זיך אן... ריזיג גרויס, מען מאכט א מצב, און... מיט וואס בלייבט מען?? די חתונה נאכט פליט אזוי שנעל אריבער, זאל איך אטעמען די נעקסטע וואכן און טעג נאר ווען עס גייט זיין א מעכטיגע פרעכטיגע חתונה אין אפאר וואכן ארום, וואס גייט אריבער פליען ווי א אויגן בליק? לאמיר מאכן א לעבן יעצט, דא ביי מיר

אינדערהיים. היינט - גייט - דא - זיין - א - ריזיגע - חתונה...

געטראכט און געטון.

די ערשטע זאך פלאנירט מען די מעניו פון די סעודה.

איך שפרינג אריין אין קאך, לאמיר דינסטן די צוויבל און אפשיילן קארטאפל צולייגן די פלייש און צוגיסן וואסער.

הייליגער באשעפער! העלף אז די עסן זאל גוט געלונגען. עס איז נישט סתם נאכטמאל, נאר עסן פון א חתונה סעודה...

יעצט דארף מען האבן וואס צו אנטון אויף די חתונה.

אין וואש צימער עפנט די וואש מאשין אויף מיר א גרויסע מויל ווען זי הערט מיינע גראנדיעזע פלענער, אבער זי טאנצט גערן מיט מיט מיר, זי דרייט זיך און פריידט זיך צוזאמען מיט מיר...

שכח אייבערשטער איך בין שוין ממש גרייט אויף די גרויסע חתונה, יעצט וועל איך אויפרוימען דעם זאל - הויז, עס זאל זיין פאסיג אויפצונעמען די געסט, אזוי שנעל און שיין ווערט אלעס אויפגערוימט, ווען מען איז פריילך נעמט אלעס האלב די צייט.

ביז די קליינע געסט גייען אהיים קומען פון חדר גיי איך זיך אראפלייגן אביסל צו האבן כח זיי אויפצונעמען שיין, נאך א גוטע דערפרישנדע דרימל טראכט איך וואס נאך טוט מען לכבוד אזא גרויסע חתונה? איך וועל אריינכאפן אפאר קאפיטלעך תהילים... ממש דער גן עדן אויף די וועלט.

אה. אונזערע געסט זענען שוין דא.

"א גוטן טאג, מאמי!"

"א גוטן טאג, טייערע קינדערלעך, איך האב שוין אזוי געווארט אויף ענק!" א געבענטשטע געפילדער נעמט איבער דאס הויז, און א באקאנטער קלאפ הערט זיך פון טיר, די קינדערלעך לויפן פריילך צו, "טאטי! טאטי איז שוין אהיים געקומען!"

דער חתן אליין קומט אריין מיט א שיינענדיגן פנים, "א גוטן טאג! א גוטן טאג מאמי! וואס איז יעדער אזוי פריילך היינט? עס איז דא א שמחה אין משפחה?"

**דער חתן אליין קומט אריין מיט א שיינענדיגן פנים, "א גוטן טאג! א גוטן טאג מאמי! וואסאיזיעדער אזוי פריילך היינט? עס איז דא א שמחה אין משפחה?"**

איך האב זיך צולאכט. "נישטא עפעס נייעס, נאר ווייסט דאך, עס טוט זיך מיט א חתונה, האב איך געטראכט וואס דארף מען ווארטן ביז עס גייט אנקומען, מען גייט דא היינט פראווענען א גרויסע חתונה..."

ער קוקט זיך ארום פארוואונדערט, "וואס איז דא אנדערש פון יעדן טאג, אז היינט איז דא דא א חתונה???"

"עס איז באמת גארנישט אנדערש, נאר וואס מען טוט יעדן טאג טוט מען היינט לכבוד די גרויסע חתונה"...

ער כאפט דעם וויץ און לאכט מיט...

"אויב יעדער ווערט פריילך אז עס הייסט 'חתונה' רוף עס אן חתונה, דער עיקר אז יעדער איז פריילך..."

די אנגענעמע גערוכן לאדנט אלעמען אין קאך, פארן חתן קומט א טאפלטע פארציע... און די קינדערלעך עסן מיט אפעטיט די פיינע חתונה סעודה - די בעסטע געשמאקסטע עסן וואס נאר א מאמע קען קאכן!...

נאך די סעודה גייט מען טאנצן, די לעגאס און קליק'ס זענען די צעטלעך און שטיקעלעך, וואס ווערן ציווארפן איבערן גאנצן שטוב און עס שטערט קיינעם נישט... איך צינד אן לעבעדיגע מוזיק. א מחי'! ביי אונזער חתונה קען איך עס אנשטעלן ווי הויך איך וויל אן צו דארפן צולעכערן קיינעם'ס אויערן, און די פריילעכע קלאנגען פילן אן די גאנצע הויז.

**שכח אייבערשטער!**

**פאר מיין שיינע לעבן!**

**שכח באשעפער!**

**וואס דו האסט מיר געגעבן!**



קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

פרשת פנחס

## חידות
אפטיילונג

**דער ראש ישיבה זאגט, אויב איינער דארף דיך נישט, טראכט צו זיך: נישט איינמאל דארף איך דיך נישט, נאר**

א. צוויי מאל דארף איך דיך נישט
ב. צען מאל דארף איך דיך נישט
ג. הונדערט מאל דארף איך דיך נישט
ד. טויזענט מאל דארף איך דיך נישט

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: איך האב אזוי שטארק געוואלט האבן א זין וואס זאל
**גיין אין שול מיט טלית און תפילין**

*געוואונען פון פאריגע וואך*

**שלום יאקאבאוויטש נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף
די ווערטער

דו פרעגסט וואס דו זאלסט זיך מקבל זיין לכבוד דיין יום הולדת, דו ווערסט יעצט ניין יאר; **זיי זיך מקבל צו ליינען קריאת שמע שעל המטה**, איידער דו גייסט שלאפן זאלסטו ליינען קריאת שמע. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", **דער וואס ליינט קריאת שמע שעל המטה אנטלויפן פון אים אלע קליפות ומזיקין**, ער איז אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס.

אויך זאלסטו זיך מתבודד זיין פאר איין מינוט. איידער דו שלאפסט איין זאג פארן אייבערשטן: **"מארגן גיי איך זיין א צדיק"**, און בעט אים ער זאל דיר פארגעבן אויף וואס איז געווען.

(עצות אמונה פרשת פנחס תשפ"ג)

| | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ה | ק | ל | ו | מ | ו | י | י | ר | כ | נ | ז | א | ל | ס | ט | ו | ד |
| ק | ר | א | י | מ | ש | ע | ל | י | צ | י | נ | פ | א | ל | ש | ו | י |
| ו | י | י | ש | י | ז | פ | ז | ד | ג | ב | א | י | י | נ | ב | ע | ל |
| ר | א | ז | א | א | נ | י | ש | י | ע | פ | ה | ד | ו | כ | א | ב | ר |
| א | ת | ז | י | ר | ע | ט | ק | ג | ג | ז | א | נ | ל | ב | ק | מ | פ |
| פ | א | י | י | ד | ע | ר | ר | י | ח | מ | י | נ | ו | ט | ר | י | ו |
| ג | ק | כ | נ | י | צ | א | א | פ | נ | מ | י | כ | מ | ע | ו | ו | נ |
| ע | י | נ | פ | י | פ | ו | י | פ | כ | ז | ב | ת | ז | א | כ | י | א |
| ה | ז | ש | י | נ | פ | ו | מ | ח | א | ל | ע | א | י | ע | צ | ט | ק |
| י | ש | א | ו | י | ו | ע | א | ג | ק | ר | ר | י | ק | ל | ע | ל | נ |
| ט | ע | כ | ל | ג | נ | ר | ש | ו | ק | ר | ש | ר | י | ב | א | ע | ו |
| נ | ל | ב | ט | ס | ח | ס | ש | ל | י | ב | ט | ק | נ | ז | נ | ד | נ |
| צ | ק | ז | נ | מ | ט | ט | מ | ח | א | כ | נ | ג | י | י | ס | ט | ב |
| מ | ד | ת | א | נ | מ | ו | ע | ר | א | פ | ה | ז | י | י | נ | ק | ד |
| ק | ר | ו | ד | ג | ז | כ | ר | ו | נ | מ | ס | ל | י | ז | ר | ר | י |
| ז | ד | ק | ש | ל | נ | צ | ו | א | כ | י | ע | ט | ס | י | א | י | ל |
| ד | ו | נ | ע | ו | ו | ע | ג | ז | א | ל | ס | ט | ר | י | פ | א | י |
| ס | ע | מ | ע | א | ז | ה | א | ק | א | מ | א | ר | ג | נ | ה | ת | נ |
| פ | ש | ר | ל | י | מ | ו | פ | ת | מ | ש | ה | ק | ל | י | פ | ו | ת |
| ד | ר | ק | א | י | ה | ש | מ | ע | ק | כ | ל | י | ר | מ | ט | ת | ו |
| ו | ס | ע | א | ל | ע | מ | נ | י | ר | ז | י | ע | מ | י | ז | ח | ו |
| ו | ד | ו | ג | כ | ס | ו | ד | ב | י | נ | י | ד | כ | נ | א | י | ו |
| א | ו | ו | א | ס | א | צ | ל | י | ע | ל | ד | ו | ו | ט | ו | ת | א |
| ס | ס | ר | ה | מ | ט | ה | נ | נ | מ | ת | ב | ו | ד | ד | ס | ס | ס |

## טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



## שטיקעלע ספר המדות

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

ג. הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים.

דוּרְכְ'ן אַרַיינְנֶעמֶען גֶעסְט, אִיז אַ פְּרוּ' זוֹכֶה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

ד. הַכְנָסַת אוֹרְחִים כְּהַכְנָסַת שַׁבָּת.

אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גֶעסְט אִין שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי' וִוי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער?





ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי' האט געזאגט פאר ר' נתן: "אביסל איז אויך גוט!"

## טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





אויפן בילד - דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די קינדער אין קעמפ - ערב שבת פרשת פנחס תשפ"ב

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

הענדי פערל תחי׳ - בית פיגא ירושלים פארציילט:










בנימין בייניש שארף נ״י - קרית ברסלב פארציילט:




געמאלן דורך: חוי ברוין






# קליין און שיין



נחמן נתן, אליעזר שלמה, הילל מרדכי אינדיג - קרית ברסלב

אהערגעשטעלט א שיינעם פארק צו שפאצירן און רעדן צום אייבערשטן



מרדכי פאפנהיים - היכל הקודש ירושלים

אראפגעמאלן פרשת פנחס



## שיקט אריין א בילד פון אייער קינד

# ווער ווייסט?

## קענט איר אויסגעפונען
## ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




תלמוד תורה היכל הקודש אין קאנטרי - זומער תשע"א

1. שלמה רוטה
2. יעקב נחמן שיק
3. הערשל שניטצלער
4. דוד מאיר לעבאוויטש
5. בערל שניטצלער
6. יואל יצחק לעבאוויטש
7. פנחס דוד וועבערמאן
8. קלמן וועבערמאן
9. לייבי אפפעל
10. נחמן נתן בוים
11. הערשל בוים (יבנאל)
12. מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו

# שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

## די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל

# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: שלמה יואל שניטצלער

קינדער פון תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג ביים גיין אין פארק - פרשת קרח תשפ"ג


קרעדיט: יעקב פיש

תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים ביים גיין פאר א שפאציר


קרעדיט: מרדכי בוים


קרעדיט: מרדכי בוים

דער ראש ישיבה מיט די בחורים ביים דאווענען און לערנען אין בית המדרש עצתו אמונה - ג' חקת בלק


קרעדיט: מרדכי בוים

דער ראש ישיבה ביים שפאצירן מיט די בחורים אין די ירושלים גאס - ג' חקת בלק


קרעדיט: לייבי ראטה

ביים באזוכן מיט די בחורים ביי די ספרים סטאר אין שטעטל - ג' חקת בלק



ביים שפאצירן מיט די בחורים אין שטעטל - ג׳ חקת בלק



קרעדיט: מנחם שטיינבערג

ביים לערנען אין גן עדן התחתון - א׳ חקת בלק





מען לייגט ארויף א הערליכע שיינעם טשילאר אין היכל ראזענבערג



די שבת׳דיגע טישטיכער פון היכל הקודש ירושלים מיט די ברסלב׳ע קרוין ביים זיך טרוקענען אויף די שטריק



קרעדיט: יעקב פיש

תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים ביים זיך שפילן שיין צוזאמען - ד׳ חקת בלק תשפ״ג



קרעדיט: יואל ראזענבערג



קרעדיט: יואל ראזענבערג

מען גיסט די מקוה ביים בית המדרש אשר בנחל אין שטעטל - ד׳ חקת בלק תשפ״ג







דער ראש ישיבה באזוכט אין אינגל קעמפ - ד' חקת בלק







ביים כאפן א געשמאקן שפאציר מיט די קינדער







חתונה פון תלמוד הישיבה ישראל מנחם ראזענבערג
הי"ו - ד' חקת בלק תשפ"ג




**שיעור התחזקות ליל ששי חקת בלק אין היכל ראזענבערג**







**שיעור גמרא אין גן עדן התחתון - ו' חקת בלק תשפ"ג**







**מלוה מלכה אין שטעטל מוצאי שבת חקת בלק**

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חיי שרה, כ"ב חשון, שנת תש"פ לפרט קטן

לכבוד מיינע טייערע תלמידים וואס וואוינען אין שטעטל הי"ו.

אזוי ווי עס איז דא וואס קויפן דירות פון די גוים העכער די פרייז וואס מיר האבן באשטימט מיט די חברי הנהלה, און מיט דעם ציען זיי ארויף די פרייזן, (די וואך אליינס זענען פארקויפט געווארן אפאר דירות פאר העכער די פרייז).

וויל איך ענק בעטן מיינע טייערע תלמידים שיחיו איר זאלט נישט פארלוירן ווערן, איר זאלט בשום אין אופן נישט קויפן אדער דינגען פאר מער פון די פרייז וואס מיר האבן באשטימט, און אלע וואס קויפן פאר טייער וועלן נישט קענען מאכן אויף אונזער חשבון געלט; מען זאל זיי לאזן שטיין ליידיג ביז זיי וועלן דאס דארפן פארקויפן אדער פארדינגען לויט די פרייז וואס די חברי הנהלה באשטומען.

איך האף אז איר וועט טון מיין רצון, איר וועט מיר העלפן בויען דעם שטעטל מען זאל קענען לעבן דארט רואיג אן חובות.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווער עס קויפט אן די הנהלה – צוברעכט אונזער קהילה !**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024


בעזהשי"ת
אט! אט!
CME PRESENTS | A LIPA BRACH PRODUCTION
בס"ד
1 א שיינע ניגון
2 א זיסע ניגון
3 א פריילעכע ניגון
4 א אייבערשטער ניגון
5 א טאנץ ניגון
6 א תשובה ניגון
7 א מורא'דיגע ניגון
8 א פלאם פון א ניגון
9 א ניגון פון הארץ
10 א לעכטיגע ניגון
א מופת בין איך
הרה"ג רבי יואל רוטה שליט"א
מוצאי שבת נחמו הבעל"ט


ראש השנה
אומאן
תשפ"ד
באקוועם | אויסגערוהט | עלעגאנט | היימיש
טשארטער 1:
אריס: מאנטאג, כ"ה אלול
LEAVES: SEP 11, 10:30 PM | ARRIVES: 1:30 PM
צוריק: מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 5:45 PM | ARRIVES: 9:45 PM
טשארטער 2:
אריס: דינסטאג כ"ו אלול
LEAVES: SEP 12, 10:55 PM | ARRIVES: 1:45 PM
צוריק: מאנטאג, צום גדליי
LEAVES: SEP 18, 1:45 PM | ARRIVES: 5:45 PM
באקוועמע פליגער עטה"ק
היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג
פרייז רעכנט אריין אלע אינערליכע רייזעס ביז עיה"ק אומאן, מיט די פריוואטע פלען איט רייט באנען
כדי זיך צו פארזיכערן מיט די early bird דארף מען זיין אפגעצאלט ביז ר"ח אב
פלען איט רייט
טשארטערס
קיין ריישא פוילין
ECONOMY: CHARTER 1: WAITING LIST ONLY $2800 | CHARTER 2: $2500
$4500 PREMIUM ECONOMY | $7550 BUSINESS
אפציע 3:
כאפט אייך מיט אויף איינע פון אונזערע 22 גרופ-טיקעטס
צו פילע דעסטענאציעס ארום אוקריינא,
לויט אייער באקוועמליכקייט (רומעניא - קישענוב - פוילין)
פרייזן אנגעהויבן פון $899
היות מיר וועלן הערשט באשטעטיגן חודש אלול די געניגע באנען צייטן
דעריבער וועלן מיר נאר פארקויפן פריוואטע באנען-טיקעטס פון ר"ח אלול
פלען איט רייט טשארטער באן
פשעמישל-פוילין קיין אוקראיינע
טשארטער באַן 1:
אריס: דינסטאג
צוריק: מוצאי יו"ט
טשארטער באַן 2:
אריס: מיטוואך
צוריק: מוצאי יו"ט
באקוועמע באנען עטה"ק
היימישע געשמאקע מאכלים א גאנצע וועג
אריינגערעכנט די רייזעס פונעם באן ביז אומאן
די שנעלסטע און גרינגסטע וועג אריבער צו גיין די גרעניץ
פרייז: $595
Plan it Rite
845.678.3555
www.planitrite.com
קיין אומאן פארט מען מיט פלען איט רייט
ראש השנה שלי עולה על הכל - קיין נרעסערס פון דעם איז נישט פאראהאנדין